אונזער קאמף פיהרען מיר פאר די רעכט און זיכערהייט פון די דייטשע יודען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען (פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זייט 7) היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 84 | Łódź, Piątek, 7 kwietnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"א ניסן תרצ"ג | № 84

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# טירען פון פראנקרייך זענען אפען פאר די געפייניגטע דייטשע יודען

## ערקלערונג פון פראנצויזישען אינערן-מיניסטער אויפגענומען אין פארלאמענט מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען

פאריז, 6. (יס"א טעלעגראפיש) אין פראנצויזישען פארלאמענט איז איבערגעגעבן געווארען דער רעגירונג יועצען דער שטעלונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו די יודישע פליטים פון דייטשלאנד.

דער אינערן-מיניסטער האט געענטפערט, אז די טירען פון פראנקרייך זענען אפען פאר אלע פארפאלגטע.

די ערקלערונג פון אינערן-מיניסטער איז פון אלע דעפוטאטען אויפגענומען געווארען מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען.

### מאקדאנאלדס רייזע קיין אמעריקא

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) מאקדאנאלדס רייזע 15. אפריל און יועט צוריקקומען קיין לאנדאן דעם קיין וואשינגטאן איז אפגעלעגט געווארען אויף דעם 1. מאי.

„אראראט" היינט פייערליכע פרעמיערע! „מילי-מיליאסען" זעה 6-טע זייט

### ענגלישער פארלאמענט איז געגען בעציהונגען מיט די סאוויעטען

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) דער ענגלישער פארלאמענט האט אנגענומען אין דער צווייטער לעזונג דעם געזעץ-פראיעקט נישט צו ערלויבען אריינצופיהרען ארטיקלען פון סאוויעטען-פארבאנד.

דער אויסערן-מיניסטער סימאן האט פאר זיין אפשטימונג געהאלטען א מאטיווירענדע רעדע פאר'ן געזעץ-פראיעקט.

כשר לפסח

גוטער און געשמאקער טעע

איז נור פון דער איבעראל-בעוואוסטער פירמע

וו. וויסאצקי און קאמפ.

הנוסדה ע"י קלונמוס זאב וויסאצקי ז"ל

וועלכע איז אנערקענט אלס די בעסטע אויף דער וועלט.

פיהער מאסקווע איצט לאנדאן

ספעציעלע' ערפאלג האבען די סארטען:

איז אריגינעלע פעקלעך באנדראלירט № 74 און № 75 אין אריגינעלע פערפלאמבירטע בלעך-שאכטלען

צו בעקומען איבעראל! צו בעקומען איבעראל!

בהכשר של הרב מדנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ עם ועד הרבנים מווארשא.

כשר לפסח כשר לפסח



דעם בעסטען געבוס גיבען

שאקאלאד און קאקאא

ANGLAS

בהכשר של הרב בדאנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ עם ועד הרבנים מווארשא.

כשר לפסח כשר לפסח

Skład Konsygnacyjny:
SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32
tel. 221 58 i 132-30.

צערעס — כשר לפסח — Ceres Schicht
נייטווענדיג צו פסח'דיגע מאכלים!
צערעס איז אַ'אינלענדישער פּראָדוקט, אויסגעאַרבייט אין טזשעבינאַ אונטער קראָקא ביי אַ שטענדיגער אויפזיכט פון הרב שמחה פרענקעל פון סקאווינא

# ענגלישע דעפּוטאַטען דעפּעשירען צו הינדענבורג'ן א סוף צו מאכען צו די כוליגאַנישע מעשים

לאָנדאָן, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) אַ רייה אַנגעזעהענע ענגלישע פּאַרלאַמענטאַריער האָבען אַ'יס געשיקט אַ דעפּעשע צו הינדענבורג'ן, אין וועלכער ער ווערט אויפגעפאָדערט אַ סוף צו מאַכען צו די ווילדע כוליגאַנישע מעשים.

## רייניגען די דייטשע ראַסע פּרעדיגט היטלער

בערלין, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) געבעלס האָט היינט געהאַלטען אַ ריידע אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזען, אַז יודען וועלען בעזייטיגט ווערען פון דער ליטעראַטור.

היטלער האָט אויפגענומען פאַרשטעהער פון דער מעדיצין פאַר וועלכע ער האָט געפּרעדיגט די ריינקייט פון דער דייטשער ראַסע. די ווירקונג פון דער ריי ניגונג — האָט היטלער געזאָגט וועט מען פיהלען אין הונדערט יאָהר אַרום.

## נאר 4 יודישע אדוואקאטען האבען רעכט צו פראקטיצירען אין קעלן

פּאַריז, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) פון 84 יודישע אַדוואָקאַטען אין קעלן, וועלען נאָר 4 האָבען רעכט צו פּראַקטיצירען.

## פאריזער קליינהענדלער-פערבאנד

### אנגעשלאסען אין פראטעסט-אקציע נעגען דייטשלאנד

פּאַריז, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) דער צענטראַלער קליינהענדלער-פערבאַנד אין פּאַריז האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער יודישער באָיקאָט-אַקציע געגען דייטשלאַנד.

## גרויסע פראטעסט-מיטינגען אין פאריז

### נעגען די יודענפערפאלגונגען אין דייטשלאנד

פּאַריז, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) דאָ זענען פאָרגעקומען ... פּראָטעסט-מיטינגען געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד

## גרויסער פראטעסט-מיטינג געגען דייטשלאנד

### פון יודישער און פוילישער אינטעליגענץ

וואַרשא, 6. (יט"א טעלעפאָניש) סוועט"ס אָרגאַניזירט אַ גרויסער פּראָטעסט-מיטינג געגען דייטשלאַנד פון דער יודישער און פוילישער אינטעליגענץ.

## אונטער א האגעל פון קוילען

### לויפען יודען אריבער די דייטשע גרעניץ

בריסעל, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) 22 יודישע פליטים זענען אַריבער-געהענדיג די דייטשע גרעניץ נאָכגעשאָסען געוואָרען פון היטלעריסטען. די יודען איז אונטער אַ האָגעל פון קוילען געלונגען בשלום אַריבערצוקומען.

## שלוחים פון יוד. צענטר. פעראיין זאגען, אז אין דייטשלאנד איז אלץ אין ארדנונג

### דרוק פון דער היטלער-רעגירונג

בערלין, 6. (יט"א טעלעגראַפיש) דער צענטראַל-פעראיין פון די דייטשע יודען האָט אַרויסגעשיקט שלוחים קיין האָלאַנד און אַנדערע לענדער, וועלכע גיבען איבער, אַז... אין דייטשלאַנד איז די יודען קיין שום שלעכטס נישט געשעהען.

בעט. פון רעד.

ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז דער צענטראַל-פעראיין האָט די מיסיע אויסגעפיהרט אונטער'ן דרוק פון דער היטלער רעגירונג פונקט אַזוי ווי יודישע פירמעס פון דייטשלאַנד שיקען אַרויס „בערוהיגונגס"-בריף, אַז אין דייטשלאַנד איז אַלץ אין „בעסטען אָרדנונג"...

לאדזער יודיש קאמעראל-טעאטער
„אַראַראַט"
קינסטל. לייטונג: משה בראדערזאן
אין ניי-רעמאנטירטען זאל פון
„מאַנטייפעל" זאַכאַדניא 43
צום ערשטען מאל אין לאדז!
היינט, פרייטאג, דעם 7 אפריל ד. י. 9.45 אווענד
מארגען, שבת, 3 פארשט.. 4 נאכמ. 7.45 און 10 אוו.
פייערליכע פרעמיערע!
מיל=מיליאן
פון משה בראדערזאן און דוד הערמאן
געזאנג-שפיל אין 2 טיילען 8 בילדער
רעזשי: דוד הערמאן
ראלען-פערטיילונג
שקר און בלאף (מאלווינא ראפעל (שיינע מרים
שמעלקע קנעפל ש. דושיגאן
בעריש לצכל ד. בירנבוים
חי' שרה — מאשע פעטערמאן
רבי ) ש. גאלדשטיין
רעוואָרענד ) יואל בערגמאן
ליטוואק
לעמעלע לאק ) לילי ליאנא
טערקישע רעקלאמע
שרעטעלע
רייועלע — ליזא שלאסבערג
נעסטל רעקלאמע ראמא שאכטער
קאנדוקטאר — יחיאל אלטמאן
דעקאראציעס: קאראל הילער. מוזיק: הערץ רובין.
פּאַספּאַרטוס, פרייקאַרטען און הנחה-בילעטען אונגילטיג
בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער.

